STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03967

GOLDELE

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאר.

גאלדעלע

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

גאלדעלע.

פון מ. ספעקטאָר.

1.

ערב פסח.

קיין שום יום־טוב בעגעגנען מיר נישט מיט אזא פרייד וויא דעם ליעבען יום־טוב — פסח. מיר זאָגען מיט א פרעהליך הארץ: „אַט וועט באלד זיין פסח", גלייך וויא דער אקערבויער זאָגט מיט א ברייטען שמייכעל: „באלד וועט זיין פריהלינג".

אך! וויפיעל שפיעלענדיגע בילדער, וויפיעל גליקליכע האָפנונגען זעצט דער אקערבויער אין דיא ווערמער; — וויפיעל ערוואַרטונגען מאכט זיך דער יוד פון דעם: אַט באלד וועט זיין פסח!

דיא אָרימע קלאַס האָרעוועט פאר פסח איבער דעם כח — זיא פערדינגט זיך מיט ווייב און מיט קינדער אויף מצות באקען: ער איז א טרעגער, א שיעבער; זיא איז א קאטשערין (וועלגערין); דיא קינדער ווערן וואַסער־געבער, מעהל־מעסטערס, רעדלערס; אלע, אלע האָרעווען פלייסיג מיט גרויס פערגניגען, אבי אריינצונעהמען דעם ליעבען פסח מיט גרויס כבוד וויא איהם שטעהט טאַקי אָן.

נאָר „גאָלדע" איז ניט אזא אָרימע, זיא איז שוין א שטיק בעל־בית'טע, זיא האָריוועט אויך דיא 8 טעג פאר פסח איבער דעם כח, זיא רוימט, זיא שמירט, זיא וואַשט, זיא שאָבט דאס פאָס, זיא רייבט דאס לאָקשען־ברעט, דיא לאָפעטע, דיא טעפ, דאס געפעס; אלע שטוב זאכען פון גרויס ביז קליין מאכט זיא זויבער, אפילו פאר דער שטוב פארקעהרט זיא אויך מיט דעם בעזים, זיא ווערט גאר נישט מיעד צו ארבייטען און טהוט אלץ מיט פערגניגען.

איהר מאן און קינדערליך שטערען זיא איצט אויך נישט אין איהר פלייסיגער ארבייט, ער גרייט זיך אליין דעם טיש, נעהמט זיך אליין אראָב פון דעם אויבען דאס עסען און עסט אָב, וויא מען זאָגט „אויף איין פוס"; דיא קינדער שרייען נישט: „מאמע גיב אונז עסען", זייא זיינען שטיל וויא דיא טויבען, זיי ווייסען אז מען טאָר איצט נישט דאָקוטשען דער מאמען; דערפאר אָבער ווייסען זייא אויך, אז דיא מאמע וועט זייא שפעטער בעלוינען, אז עס וועט שוין קומען דער ליעבער פסח.

גאָלדע ווייסט אויף פאָרוואָס זיא האָרעוועט איצטער איבער'ן כח, זיא ווייסט, אז דער גילדענער פסח וועט זיא אויף בעקוינען. פסח ברענגט דעם ליעבען זומער מיט דער שעהנער זונן.... איבערהויפט וויפיעל האָפנונגען מאכט מען זיך פון דעם פסח... עס וועט זיך עפּיס אנדערש לעבען נאָך פסח, דאס שטיקעל ברויט וועט אנקומען גרינגער, ניט אזוי ביטער וויא ביז אהער, זומער עסענט זיך דיא וועלט.... „גאָט וועט שוין אויף אונז רחמנות האבען און וועט אונז צושיקען פרנסה מיט דעם פוללען טויל".

2.

קינדערישער ערב פסח, בדיקת חמץ.

נאָך מיט מעהר פרייד בעגעגנען דעם פסח דיא קליינע קינדער!

ישראליק, גאָלדעס יונגעלע, רעכט זיך פון דעם פסח נאָר עפּיס אנדערש: אויס ביי נאכט געהן אין חדר מיט דעם בעהעלפער און מיט דעם לאַמטערין און אויסברענען זיך דיא אויגען מיט שמעלצען דיא חלב'דיגע פערשטונקענע ליכט; אין דיא שטיוועלעך וועט שוין נישט אריינרינען, דאס טילובול וועט מען שוין נישט פערדריפען, עס וועט

שוין נישט זיין קאלט! פסח! נייע שטיוועלעך, א נייא קאפאטקעלע, אפילו א נייעם קאשקעט און באלד נאך פסח — זומער, ל"ג בעומר, א פייל און בוינען, גרינע פעלדער, בלומען; שפיעלען זיך פרייא אויפ'ן גרינעם גראז; זומער לאזט דער רבי אלע פאר נאכט פרייא, מען נעהמט אחיים גלייך מיט דער טשערדע; אך! זומער איז טאקי גוט!

אויף דער נאכט, אז גאלדעס מאן האט אבגעדאווינט מעריב, האט ער באלד בורק חמץ געווען. ישראליק מיט זיין עלטער שוועסטער'ל האבען מיט זייערע קינדערישע אייגעלעך געזעהען וואס דער טאטע האט געטהון, וויא ער האט אויף צו קלאמערשטין אליין אויסגעלייגט שטיקלעך ברויט אויף אלע ווינקעלעך, אויף אלע פענסטער, אין קיך, אין זאל, אפילו אויפ'ן פריפיטשיק, און וויא ער האט ווידער אליין געזוכט דיא שטיקלעך ברויט, גלייך וויא ער ווייסט נישט אדער ער וויל פערלען מיט ישראליק'ן אבנארען, אז ער ווייסט נישט וואו זייא זיינען, ביז ער האט זייא אלע געפונען; דערנאך האט ער זיי אריינגעלייגט אין א הילצערנעם לעפעל און צוגעלייגט דיא פעדער, מיט וועלכער ער האט צונויפגעשארט דיא שטיקלעך ברויט, דערנאך האט ער זייא שטארק פערבונדען מיט א ווייס טיכעל און אנידערגעלייגט אויף דעם מעשענעם הענג־לייכטער. ישראליק האט ניט פערשטאנען, אז דער טאטע האט איהם פריהער אבגענארט, אז ער האט געזוכט דיא שטיקלעך ברויט, נאר א טאטען טאר מען נישט זאגען; „א טאטע מעג", האט איהם אמאל דיא מאמע געזאגט, „אז דוא וועסט זיין אמאל א טאטע וועסט דוא אויך מעגען". און ווידער זיינען איצטער ישראליק'ן אזוינע פוסטע זאכען נישט געלעגען אין קאפ, ער איז געווען פערטראגט אין זיינע געשעפטען.

— פערעלע! ווען וועט שוין זיין פסח?

— אך דוא נארעלע! מארגען וועט שוין זיין פסח.

— עס איז א לינע, דוא נארסט מיך שוין אויך אב אזוי וויא דיא מאמע, זיא זאגט מיר שוין זייט צוויי וואכען: מארגען וועט זיין פסח, צום סוף איז נאך נישט פסח.

— ניין, ישראליק, איך נאר דיך שוין איצטער נישש אב, מארגען וועט טאקי שוין זיין פסח; פאר א יאהר איז אויך טאקי אזוי געווען, געדענקסט דוא, אז דער טאטע האט געמאכט אויף צו קלאמערשטען מיט דיא שטיקליך ברויט, איז אויף מארגען געווארען פסח.

— יא, יא, איך געדענק טאקי אזוי, אך פערעלע! וועלען מיר זיך מארגען ביידע שעהן אנטהון אין דיא נייע שעהנע קליידער און שטיוועלעך און יעקילע אויך, און מיר וועלען זיך שעהן שפיעלען. אין דרויסען איז שוין טאקי טרוקען, איך וועל נישט אויסשמירען מיינע שטיוועלעך! וויא גוט וועט טאקי זיין מארגען, פסח, וויא ליעב האב איך פסח!

3.

ישראליק מיט פערעלין.

אויף מארגען איז טאקי געווען פסח, פערעלע האט ישראליק'ן טאקי נישט אבגענארט. גאלדע האט גענומען פערעלין מיט ישראליק'ן און האט זייא אבגעוואשען מיט הייס וואסער, אויסגעצוואגען און זייא אנגעטהון נייא און פריש פון קאפ ביז פוס, דערנאך האט זיא זייא אריינגעפיהרט אין זאל אריין און אנידערגעשטעלט אקעגען דעם

שפּיגעל, דיא מוטער האט זיך נישט געקענט זאט אָנקוקען אויף איהרע קינדער און נישט איינהאַלטען צו זאָגען:

— אזא שעהן יאָהר זאָל איך האבען וויא שעהן איהר זייט בייא מיר אין דיא אויגען! איצט, קינדערלעך, מעגט איהר זיך געהען שפּיעלען, נאָר שמירט זיך נישט אויס. אז איהר וועט ווערען הונגעריג, זאָלט איהר קומען וועל איך אייך געבען פרישע געפּרעגעלטע מצה.

גאָלדע האט זייא געגעבען צווייא הייסע קיש, אָנגעשטאָפּט זייערע קעשענעס מיט וועלשענע ניס, און ישראליק מיט פּערעלען זיינען מיט א ליאַרם ארויסגעלאָפען וויא דאס שפּיעל־פייגעלע פון דעם שטייגעלע אויפ'ן פרייען פעלד.

זייא האבען זיך געשפּיעלט אויף דער זונן געגען דער פריזבע, זיי זיינען געשפּרונגען, געלאָפען אלע מאָל פאר דער שטוב און ווייטער זיך געזעצט.

דאָ האט ישראליק מיט דער פּאָלע פון זיין נייער קאַפּאָטע אָבגעווישט דעם שטויב פון זיינע שטיוועל, דערנאָך מיט דעם ארבעל אָבגעווישט דיא פּאָלע. דאס היטעל האט ער מורא געהאט אָנצוריהרען, ער זאָל עס ניט אויסשמירען מיט דיא פינגער. 10 מאָל אין דער מינוט האט ער זיך בעריהמט פאר פּערלען:

— אָבער א יא איך שמיער מיך טאקי נישט אויס?

אזוי האבען זייא זיך געשפּיעלט און געשפּיעלט ביז ישראליק איז טרויעריג געוואָרען, עס איז איהם געוואָרען סקוטשנע אָהן יעקיל'ן.

— פּערעלע! פאר וואס קומט צו אונז נישט יעקילע?

— איך וויים? וואס פרעגסט דוא מיך? ער איז דאָך א יונגעל — דיין חבר, פון וואנען זאָל איך וויסען פאר וואס ער איז היינט צו אונז נישט געקומען? אז דוא וועסט היינט מיט דעם טאטען געהן אויף דער נאכט דאַווענען אין קלויז, זאָלסט דוא דאָרט יעקיל'ן פרעגען, וועסט דוא וויסען פאר וואס ער איז נישט געקומען.

4.

דיא קלויז.

דיא קלויז איז לכבוד יום־טוב געווען בעלייכט מיט הונדערטער ליכט, דער פלאָר אָבגעריבען מיט געלען זאמד, דיא ווענד אָבגעווייסט, דער אָרון קודש איז געגאנגען אָנגעטהון א יום־טוב'דיגען פּרוכת פון רויטה געוואנד מיט גאָלד געשטיקט. אללע יודען זיינען געגאנגען אָנגעטהון יום־טוב'דיג, אפילו דער שמש האט געהאט א ריין אָבגעוואשען פּנים, אללע זיינען געווען צופריעדען.

ישראליק איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, ער האט געזוכט זיין חבר, נאָר צו זיין גרוים וואונדער האט ער איהם נישט געזעהן צווישען אלע יונגלעך וואס זיינען געשטאַנען נעבען אָרון קודש.

— וואו איז יעקילע? ער איז נאָך נישט געקומען דאַווענען? האט ער געפרעגט בייא א יונגעל.

— יא, ער איז שוין דאָ.... ער שטעהט דאָרט אין א ווינקעל אונטער דער הרובע...

ישראליק איז געלאָפען צו דער הרובע. יעקילע האט זיך זעהר פערשעהמט פאר איהם, ווייל ער איז געגאנגען אָנגעטהון אין איין אלט קאַפּאָטקעלע און אפילו אין איין אלט הימעל. ישראליס האט איהם מיט א פערשעהמט קול געפרעגט:

— יעקילע! פאר וואס ביזט דוא היינט צו אונז נישט געקומען שפּיעלען? דוא האסט דאָך צוגעזאגט, אז דוא וועסט קומען?

יעקיל'ען האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין דיא אויגען און ער האט איהם גאר נישט געענטפערט, נאָר ישראליק האט איהם נישט אבגעלאזט, ביז יעקילע האט איהם מיט א

שוועהר הארץ ארויסגעזאגט: „איך האב נישט קיין נייע קאַפּאָטע“.

— פאַר וואס? דער שניידער האט דיר קיין צייט נישט געהאט אויפצונעהען אויף פּסח?

— ניין, מען האט נאָר צו קיין שניידער נישט געבען נעהען....

— פאַר וואס־זשע? דיין טאַטע מיט דער מאמע האבען דיך דען פיינד?

— ניין, זיי האבען מיך ליעב, נאָר דיא מאמע האט מיר געזאגט:

— יעקילע, דוא זאָלסט זיך נישט זאָרגען וואס דוא האסט נישט קיין קאַפּאָטקעלע אויף פּסח, מיר דארפען דאנקען און לויבען גאָט, אז מיר האבען וואס צו עסען פּסח, אז גאָט וועט אונז העלפען וועל איך דיר מאַכען א סך נייע קליידער אויף נאָך פּסח.

— נו, פאָר וואס־זשע ביזט דוא היינט צו אונז נישט געקומען זיך שפּיעלען?

— איך האב מיך געשעהמט פאַר דיר און פאַר פּערעלין צו קומען אין מיינע אלטע קליידער.

— נו, איבערמאָרגען וועסט דוא שוין קומען צו אונז? איך וועל דיר געבען א סך ניס און מיר וועלען ביי פּערעלין געווינען אלע ניס.

— ניין, איך וועל נישט קומען א גאַנצען יום־טוב.

— פאַר וואס? דוא ביזט שוין מיט מיר דען ברוגז?

— ניין, איך בין מיט דיר חבר, נור איך שעהם מיך צו קומען מיט דער אלטער קאַפּאָטע.

— ווייסט דוא וואס? מיר האט מען געמאַכט א נייא קאַפּאָטקעלע, וועל איך דיר אויסלייהען מיין אלט שבת׳דיג קאַפּאָטקעלע וואס איז נאָך גאַנץ שעהן, איבער יום־טוב, ביז דיין טאַטע וועט דיר מאַכען א נייעס. נו וועסט דוא שוין קומען?

— ניין, מען טאָר נישט!

— וואס טאָר מען נישט?

— נעהמען א פרעמדע קאַפּאָטקע.

— פאַר וואס א פרעמדע, נאַרעלע? און אז איך זאָל דיר גאָר שענקען וואָלט אויך קיין עולה ניט געוועזן. איך האב דיר אמאל געשענקט דאס שעהנע קעסטעלע מיט דעם רויטהען שטעקעלע?

— א שטעקעלע מעג מען, אָבער א קאַפּאָטקעלע טאָר מען נישט.

— פאַר וואס טאָר מען נישט קיין קאַפּאָטקעלע?

— דיין טאַטע וועט דיך דערפאַר שלאָגען.

— ניין, נאַרעלע, פאַר וואס האט ער מיך צו שלאָגען? ער האט מיר אליין פערטייטשט פון דעם חומש: ואהבת לרעך כמוך — דוא זאָלסט ליעב האבען דיין חבר וויא זיך אליין, און וואס אין חומש שטעהט, האט דער טאַטע מיט דער מאַמע געזאגט, האט גאָט געהייסען מקיים זיין; היינט אז דוא ביזט מיין חבר און איך האב דיך ליעב, וול איך דיר שענקען אָדער לייהען איין קאַפּאָטקעלע אז איך האב צווייא, איינס א נייעס און איינס פון פריהער.

— פרעג פריהער דיין טאַטען, אז ער וועט דיר הייסען, וועסט דוא מיר געבען.

— נו, נו, איך וועל טאַקי ביים סדר פרעגען.

5.

דיא פינפטע קשיא.

ישראליק׳ס טאַטע האט שוין געטרונקען דעם ערשטען כוס; גאָלדע איז געזעסען ניט וויט פון איהם אנגעטהון יום־טוב׳דיג, ישראליק מיט פּערעלין פוןביידע זייטען.

אומעטום איז געוועזן ליכטיג, שעהן און ריין, חאָטש פּעריל צו קלויבען, א דאנק גאָלדעס גילדענע הענד, מען האט שוין געזאגט: „לשנה הבאה בני חורין“.

גאָלדעס טאַן האט אָנגעגאָסען דעם צווייטען כוס און געזאגט:

— נו, מיין זוהן ישראליק, קענסט דוא דיא פיער קשיות? פרעג.

ישראליק האָט געפרעגט דיא פיער קשיות אויסגעצייכענט וויא אַ וואַסער — פון „מה־נשתנה“ ביז „כלנו מסובין“. דער פאָטער האָט איהם געוואָלט ענטפערען, נור ישראליק האָט ווייטער געפרעגט:

— טאַטע, איך האָב נאָך צו פרעגען.

— וואָס? שוין אַ פינפטע קשיא האָט דיך דער רבי אויסגעלערנט?

— ניין, איך וויל גלאַט עפּעס פרעגען.

— נו, נו, פרעג מיין קינד, איצטער ביי׳ם סדר מעגסט דוא פרעגען וואָס דוא ווילסט, איך וועל דיר אויף אַלעם ענטפערען.

— איך וויל דיר פרעגען, טאַטע: יעקילע איז היינט צו אונז ניט געקומען, האָב איך איהם אין קלויז געפרעגט פאַר וואָס ער איז נישט געקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער שעהמט זיך פאַר מיר און פאַר פערעלען, ווייל זיין טאַטע האָט איהם נישט געמאַכט קיין נייע קאַפּאָטקעלע, ער האָט קיין געלד נישט געהאַט. אַזוי וויא איך האָב 2 קאַפּאָטקעלעך האָב איך איהם געוואָלט געבען איינס; וויל ער ניט; ער זאָגט, מען טאָר ניט, דוא וועסט מיך שלאָגען. — פרעג איך דיך, טאַטע, צי וועסט דוא מיך שלאָגען דערפאַר?

ישראליק האָט געקוקט דעם טאַטען גלייך אין דיא אויגען אַריין און האָט געוואַרט אויף אַ תשובה. זיין פאָטער האָט אָבער אויף דער שאלה נישט געענטפערט, נור מיט אַ הויך קול געגעבען אַ געשריי:

— „עבדים היינו“.

ישראליק האָט זיך געפּרובט נאָך אַ מאָל פרעגען, נאָר זיין פאָטער האָט געהאַלטען אין איין זאָגען דיא הגדה.

ישראליק איז שטאַרק טרויעריג געוואָרען, ער האָט מיט זיין ריין קינדיש האַרץ פערשטאַנען, אַז דער טאַטע הייסט נישט געבען דאָס קאַפּאָטקעלע.

נאָך אַמאָל האָט ער ביי זיך פערטייטשט דיא ווערטער:

„ואהבת לרעך כמוך“.

עס האָט איהם אָנגעהויבען וואונדערן, ער האָט מיט זיין קינדערשען שכל נישט געקענט פערשטעהן...

זעהר טרויעריג און מיט אַ טיעפען זיפץ איז ער דעם ערשטען סדר ביים דער הגדה אַנשלאָפען געוואָרען. דיא גאַנצע נאַכט האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט און גע׳חלומ׳ט...

פון דער נאַכט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבען פרעגען אַ סך קשיות...

אָרים קינד, ישראליק! גאָט האָט דיך בעשאַפען ריין, גוט און עהרליך וויא זיין תורה, נור ווער ווייסט, צי דוא אַליין וועסט אַמאָל דיינע קינדער אויך נישט אַזוי ענטפערען אויף אַ פינפטער קשיא מיט אַ פוסטען תירוץ: „עבדים היינו“!

— דער —

סדר.

ערצעהלונג.

פון מ. ספעקטאר.

1.

דעם גאנצען ווינטער האט חנה נעוויינט.

זינט דאס אומגליק האט איהר געטראפען, האט זיא ניט אויפגעהערט קלאגען, דאס גאנצע לעבען איז איהר איבריג געווארען. צו וואס טויג איהר לעבען, אז איהר מאן איז געשטארבען, פאר וואס איז זיא פריהער ניט געשטארבען. דיא גאנצע וועלט איז פאר איהר פינסטער, צו וואס ווערט אלע אין דער פריה — טאג, צו וואס שיינט דיא זונן. צו וואס טויג אלעס אויף דער וועלט, אז עס איז בייא איהר צוגענומען געווארען דיא קרוין פון קאפ. אליין מיט א קליין יתומ'ל האט ער זיא עלענד איבערגעלאזט אויף דער וועלט וויא אין דער מדבר.

און חנה פלענט דעם גאנצען ווינטער ניט אויפהערען צו קלאגען און וויינען, גאר ניט געטהון, אפילו „א האנד אין קאלט וואסער ניט אריינגעלענט“.—צו וואס טהון? פאר וועמען? — אלץ איינס....

— מען דארף זיך אומקוקען אויף זיך, ארדענונג מאכען אין שטוב, וויא אזוי לאזט מען זיך אזוי אב, ביזט נאך א יונג מענש— נאט גיט און גאט נעהמט.... נענוג.... פלעגען זיא בעקאנטע שכנים טרייסטען.

חנה'ן פלעגט פערדריסען אזוינע ווערטער פון נארישע מענשען, וואס מיינען אז פון זייער טרייסטען ווערט איהר גרינגער און זיא וועט געהאלפען ווערען.

זייערע ווערטער, „אז זיא איז נאך יונג“ האבען איהר געשטאכען ביז אין דער זיבעטער ריפ און זיא פלעגט פון כעס זייא גאר ניט ענטפערן. איהר מאן איז געשטארבען — איהר וועלט איז פערפאלען און צו וואס לעבט זיא — ווייסט זיא ניט.

און חנה האט ניט אויפגעהערט צו קלאגען און איהרע אויגען האבען ניט אויפגעהערט צו טרוקענען פון פיעל טרעהרען.

דיא בעקאנטע שכנים האבען זיא אויפגעהערט צו טרייסטען.

2.

דער קאלטער ווינטער מיט זיינע לאנגע נעכט, קורצע טעג, מיט דעם פערחמארעטען הימעל און מיט דער מינוטענדיגער זונן איז אוועק און עס זיינען אנגעקומען דיא ערב פסח'דיגע טעג; דיא זונן האט אנגעהויבען כענגער, ליעבער און געטרייער צו ווארמען.

דיא פענסטער האט מען געעפענט און דאס לעבען פון גאס הערט זיך מעהר אין שטוב, עס ציהט, עס רייסט יעדען אויף דער גאס אונטער'ן הימעל און דא איז ערב פסח, מען דארף אזוי פיעל איינקויפען און אנגרייטען אויף דעם גרויסען יום־טוב, מען רעש'ט מיט דיא מצות, פיש, פלייש, אינדיקעס, נייא געפעס, מיט כשר'ן אלטע כלים, מיט כשר פסח'דיג מאכען דיא גאנצע שטוב. געלד לויפט וויא וואסער, מהיר און טייער זיינען אפען, יעדער איז פערנומען, פערהארעוועט, ניט דא קיין צייט דיא נאז אבווישען. מען פילדערט, מען לויפט. אין דער לופט הערט זיך דאס זיפצען, דאס קרעכצען פון דעם שווערען יום טוב.... דיא פיס האקען זיך אונטער פון דיא פיעל ארבייטען, אין דער קאפ דרעהט זיך פון דארפען האבען אזוי פיעל געלד אויף יום טוב.

ניט בעמערקענדיג, ניט ווילענדיג האט דער ערב פסח'דיגער רעש וויא א שטארקער ווינד אויף חנה'ן ארייגנעהאפט, זיא לויפט אויף צום בעקער וועגען מצות, זיא קויפט אינדיקעס, זיא כשר'ט, זיא וואשט און ראמט אין שטוב און האט קיין צייט ניט גליך מיט אלע שכנים, זיא איז אזוי פערנומען, אז וויא יעדע מאמע פאר פסח שרייט זיא אן איהר חיים'לען, דאס יתומ'ל, ער זאל איהר ניט שטערען אין דער ארבייט:

— עס איז היינט ערב פסח און עס איז נאך דא אזוי פיעל ארבייט.

3.

אין אלע הייזער האט מען שוין פערברענט דעם חמץ, אומעטום איז אויפגעראמט און פסח'דיג, אפילו ווין אויף ארבע כוסות איז שוין אויך אנגעגרייט, אין דיא אויווענס איז שוין איינגעהייצט, עס פלאקערט א ליכטיג יום־טוב'דיג פייער'ל און דיא נייע פסח'דיגע טעפליך זידען און רעדען אזוי פרעהליך.

ביי חנה'ן איז שוין אויך אומעטום אויפגעראמט, פסח'דיג; עס שיינט, עס פינקעלט פון יעדען ווינקעלע, פון יעדע זאך וואס געפינט זיך אין שטוב

חנה האט מעהר קיין ארבייט, זיא זעצט זיך צו, זיא בעטראכט אלעס און לאזט אראב דיא הענד.

— צו וואס? פאר וועמען דאס אלעס? פרעגט זיא זיך טרויעריג און דיא טרעהרען שטיקען איהר נאך שטארקער וויא דעם גאנצען ווינטער.

— פעררעש'ט זיך, אנגעארבייט זיך צו וואס? פאר וועמען? ווער דארף דאס אלעס? הערט זיא ניט אויף רעדען צו זיך אליין און שטיל אהן ווערטער בלייבט זיא לאנג זיצען אויף איין ארט מיט אראבגעלאזטע הענד און קאלטבלוטיג צו אלעס.

א שעה איז אזוי אוועק געגאנגען און שטיל און טרויעריג איז ביי חנה'ן אין שטוב וויא אויף דעם בית הקברות.

פלוצים עפענט זיך רעש'נדיג דיא טהיר און חיים'ל לויפט אריין פרעהליך און לעב־עדיג מיט דעם דאשיק פון היטעל אין דער זייט און שיפט אויס אלעס מיט איין מאל, האפענדיג אלע ווילע דעם אטהעם:

— מאמע, מאמעניו, דיא זיינען שוין אנגעטהון.... זייא שפיעלען זיך שוין.... יעקעלע אין נייע שטיוועליך, פערעלע אין א נייא קליידעלע, אלע.... אלע.... בערעלען האט מען געגעבען א גאנצע מצה, יוסעלע האט א פולע קעשענע ניס.... מאמעלע טהייערע, טהו מיך אויך אן.... איך וועל זיך נים אויסשמירען.... גיב מיר מצה.... ניס.... א סך ניס.... ווען זעצען מיר זיך צום סדר?.... איך קען פרעגען דיא פיער קשיות.... דער רבי האט מיך אויסגעלערנט מיט אלע קינדער אויסוועניג.... מאמע, פאר וואס געהסט דוא אנגעטהון אין אלטען?...... יוסעלעס מאמע האט זיך שוין אנגעטהון...... פסח'דיג...... יום־טוב'דיג.... עס איז אזוי שעהן.... עס איז אזוי טרוקען אין דרויסען.... טהו מיך אן גיכער, מאמע!....

— באלד, באלד, מיין קינד! — האט חנה זיך געריהרט פון איהר ארט און האט אנגעהויבען איילען זיך. זיא האט נאך אזוי פיעל צו טהון.... אזוי פיעל ארבייט.... אומעטום האט מען שוין אין אויוועץ איינגע־הייצט.... זיא דארף נאך דאס קינד ארומ־וואשען און אנטהון......

אין א שעה ארום האט זיך בייא חנה'ן אין אויוועץ שוין אויך געהייצט און נייע פסח'דיגע טעפליך האבען פרעהליך גע־זאטען.... פון דרויסען הערט חנה דאס פרעהליכע קול'כיל פון חיים'ל, ער שפיעלט זיך מיט דיא קינדער.... אין אויוועץ קנאקט א שעהן יום־טוב'דיג פייער'ל, דיא נייע טעפליך זידען נאך פרעהליכער, חנה איילט זיך, עס איז נאך דא אזוי פיעל ארבייט, ביז אבענד דארף אלעס פארטיג זיין....

4.

אויף דער נאכט, דער רעש אין גאס האט אויפגעהערט, אלע קלייטען, אלע גע־שעפטען זיינען פערמאכט, אלע הייזער זיינען בעלויכטען, נאר נאך ליכטיגער איז אין שול און אין דיא בתי מדרשים.

מען געהט שוין פון דאווענען.

— א גוט יום־טוב, מאמע! האט גע־זאגט חיים'ל קומענדיג פון שול.

— א גוט יאהר, מיין קינד!

חיים'ל זעהט וויא זיין שעהנע מאמע איז אנגעטהון יום־טוב'דיג. שוין לאנג אז ער האט זיא נים געזעהן אנגעטהון. דער טיש איז געדעקט, אויף דעם טיש שטעהן דיא זילבערנע לייכטער מיט דיא בענש־ליכט, פלעשער וויין, כוסות.... אליהו הנביא'ס כוס.... זיין קליין כוס'עלע.... אויבען אן איין עפע־בעט מיט ווייסע אנגעצוונדענע קישענס... אלעס, אלעס וויא פאר א יאהרען, נאר דער

טאטע איז נים דא... חיים׳ל ווע־ טרויעריג, נאר ער האט מורא צו זאגען, דיא מאמע זאל נים וויינען, זיא וויינט שטענדיג אז מען דערמאנט דעם טאטען, חיים׳ל שווייגט און לאזט אראב דיא אויגען פון אליהו הנביא׳ס כוס... און עס פאלט איהם איין א גליקליכער געדאנק, אז ביוא היינטיגען סדר, ווען מען וועט עפענען דיא טהיר, אליהו הנביא זאל אריינקומען אויסטרינקען זיין כוס, וועט ער נים אראבלאזען דיא אויגען פון דער טהיר און פון זיין כוס, ער מוז זעהן וויא ער טרינקט, און וויא ער וועט איהם נור דערזעהן, וועט ער איהם בעטען, ער זאל שוין אראפברענגען משיח׳ן. דענסטמאל וועלען אלע מתים לעבעדיג ווערען און זיין טאטע אויך, ער וועט איהם דערצעהלען וויא זיין מאמע וויינט שטענדיג, וואס דער טאטע איז נים דא, ער וועט בעטען און וויינען פאר איהם, ער זאל לעבעדיג מאכען זיין טאטען, אלע יונגליך אין חדר האבען טאטעס און ער נים.... אליהו הנביא וועט איהם נים אבזאגען, ער איז אזא גוטער, חיים׳ל האט איהם שטענדיג אזוי ליעב, ליעבער פון אלע, ער האט אזוי פיעל שעהנע טהייערע מעשיות געהערט דערצעהלען וועגען איהם, ער קען אליין א סך מעשיות נאך דערצעהלען, וויא „אליהו הנביא פאהרט אין דער לופטען רייטענדיג אויף א פייערדיג פערד". „וויא איין ארימער יוד האט פערלארען אויף דעם יריד פרעמדע געלד, האט איהם אליהו הנביא אונטערגעווארפען „א ביי־גארטעל", און ווען דער יוד האט גענומען איבערצעהלען, האט ער געצעהלט דרייא טעג מיט דרייא נעכט— אזוי פיעל געלד איז דארטען געוועזען... א־ין עושר איז דער ארימער יוד געווארען". חיים׳ל וויים אויך דיא מעשה מיט דעם „א־ש חסיד", וויא אליהו הנביא האט איהם בע־געגענט אויף דעם יריד.

— ער איז אזא גוטער, אזא גוטער, ער וועט מיר נים אבזאגען, אז איך וועל איהם בעטען, איך זאל נור דערזעהן. האט חיים׳ל געטראכט און פעסט בעשלאסען, אז מען וועט עפענען דיא טהיר, זאל ער נים אראבנעהמען קיין אויג פון אליהו׳ס כוס....

5.

— מען קען זיך שוין זעצען צום סדר, האט חנה געזאגט און חיים׳לען אניעדער־געזעצט אויף דער „עסע־בעט".

חנה, אריינקוקענדיג אין איהר הגדה מיט עברי־טייטש האט געמאכט דיא „קערה" און זיא אניעדער געשטעלט פאר היים׳לען.

מען האט אנגעגאסען דיא כוסות און חיים׳ל האט קדוש געמאכט.

ווען ער איז געקומען צו „מה נשתנה", האט חיים׳ל געוואלט פרעגען דיא פיער קשיות.

— ניין, האט חנה געזאגט מיט שטעה־ענדיגע טרעהרען אין דיא אויגען, איך וועל

דיך פרעגען און דוא שוייג ביז „עבדים
היינו"....

חיים'ל האט זיך צולאכט וויא א מאמע ווען פרעגען דיא קשיות, ער האט גע־שוויגען ביז זיא האט אָבגעזאגט „מה נשתנה" און דערנאך האבען זייא ביידע צו־זאמען וויטער געזאגט דיא הגדה.

נאכ'ן טרינקען דעם צווייטען כוס און נאך דעם וואשען זיך, האט חנה ווידער א קוק געטהון אין איהר הגדה און געזאגט חיים'לען:

— נעהם אלע דרייא מצות אין דער האנד און זאג מיט כונה דעם הנני און מאך דיא ברכה, ברעך אָב פון דער גאנצער מצה איין כזית און עס אָנגעלעהנט.

חיים'ל האט אזוי געטהון.

— פאר וואס־זשע טהיילסט דוא ניט מיר קיין שטיקעל מצה, עס שטעהט אין דער הגדה, אז ווער עס פראוועט דעם סדר, דער דארף איטליכען טהיילען.

— נא מאמעניו, נא!.... האט חיים'ל געשטופט א שטיקעל מצה גלייך דער מאמען אין מויל אריין און חנה האט לאַ־בענדיג גענעסען פון זיינע הענדליך.

חיים'ל האט שוין לאנג זיין מאמען ניט געזעהן לאכען און איז דערפון זעהר פרעהליך געוואָרען, אז פון גרויס שמחה האט ער געוואָלט פון זיין עסע־בעט איבערשפרונגען צו איהר אויף דיא הענד, נאר זיא האט איהם געבעטען:

— זיץ, מיין קינד, אויף דעם עסע־בעט, דוא פראוועסט דאך דעם סדר וויא א גרויסער.

חיים'ל איז ווידער געזעסען שטיל אויף זיין עסע־בעט וויא א גרויסער......

מען האט דערלאנגט דאס עסען, פיש, דערנאך דיא קניידליך מיט יויך און נאך פסח'דיגע מאכלים.

....און חיים'ל זעהט וויא עס עפענט זיך דיא טהיר און עס קומט אריין אליהו הנביא, איין אלטיטשקער, א גוטענקער, א פרעהליכער, מיט א ווייס זילבערנע באָרד און א ווייסע זיידענע קאפאטע געשטיקט מיט זילבער, אזוי וויא איין עטרה פון א טלית, ער נעהמט צו צו זיין כוס און טרינקט אָב אביסעלע, אז עס איז ניט צו דערקענען, דאס מען האט געטרונקען.

חיים'ל לאָזט ניט אראב דיא אויגען פון איהם און וויל איהם אָננעהמען בייא זיין ארבעל און אָנהויבען דערצעהלען זיין בקשה, נאָר חיים'ל קען ניט רעדען, ער פרובירט רעדען און קען ניט.... און צו זיין גרויס וואונדער זעהט ער וויא אליהו זעצט זיך ביים טיש און זאָגט:

— איך בין שוין היינט געוועזען אויף דער גאנצער וועלט, אין אלע יודישע הייזער האב איך שוין געטרונקען מיין כוס, איצט וויל איך זיך דאָ אביסעל אָברוהען, ווייל דוא, חיים'ל, האסט מיך געוואָלט זעהן, און בייא מיר עפּיס בעטען, קום אהער, שעהם זיך

ניט, און ער זעצט חיים׳לען בייא זיך אויף דיא קניה און מיט זיין גלאטער ווייסער האנד גלעט ער חיים׳לען איבער דעם פנים, אז עס ווערט איהם א מחיה און יעדען אבר און ער זאגט חיים׳לען, אז היינטיגס יאהר וועט משיח קומען, אלע טוידטע וועלען לעבעדיג ווערען און זיין טאטע אויך......

אויף חיים׳לס ליפען בעוויזט זיך א שמייכעל פון שמחה, וואס ער וועט זעהן זיין טאטען....

* * *

חנה זעהט וויא איהר זוהן שמייכעלט פון שלאף.

זיצענדיג אויף דעם עסע־בעט איז חיים׳ל באלד נאך דיא קניידליך מיט א האלבען ביסען אין מויל לאזענדיג, איינגעשלאפען גע־ווארען....

— „א קינד, א טראפען וויין שלאפט עס שוין... דאס גאנצע פלייש איז געבליבען, ווער זאל עסען?.... רעדט חנה צו זיך, ניט אראבנעהמענדיג דיא אויגען פון איהר זוהן, וועלכער איז איצט שעהן בייא איהר אין דיא אויגען וויא דיא גאנצע וועלט, זיינע בעקעליך זיינען פארביג, דער שטערן ווייס, שווארצע האר און אויף דיא ליפען שפיעלט א זיסער פרעהליכער שמייכעל.... וויא צווייא טראפען — ער...

זיא נעהמט חיים׳לען אויף דיא הענד איבערטראגען איהם אויף זיין בעטיל און דריקט איהם צום הארצען און קושט איהם יעדעס אבר.

— גאט האט מיך געשטראפט מיט חסד... ניט צו פערזינדיגען, בייא מיר האט מען אויך געפראוועט דעם סדר... בייא מיר איז אויך יום־טוב.... — מיין קרוין! מיין „מלך!“... הערסט חיים׳ל, איך וועל שוין מעהר ניט וויינען, איך וועל לעבען, לעבען, חיים׳ל!...

און חיים׳ל איז געשמאק געשלאפען מיט זיסע חלומות וויא אלע גליקליכע קינדער אין דער סדר־נאכט.

פיעלע מענשען שטארבען אוועק יונג דורך זייער שווערער ארבייט צו מאכען זיך לייכטער אויף דער עלטער.

—

אויב איהר ווילט וויסען וואס אייערע פריינד ריידען וועגען אייך פאר אנדערע, דאן הערט זיך צו וואס זייא ריידען וועגען אנדערע פאר אייך.

—

א בינעזישעס שפריכווארט:

זייא בעפריינדעט מיט א בעאמטען, וועסט דוא ווערען ארים; מיט א געשעפטסמאן, וועסט דוא ווערען רייך; מיט א גייסטליכען, וועסט דוא קריעגען א סובסקריפשאן בוך.

—

ווען א מענש וויל זיך אבהיטען פון זאגען ליגען, דארף ער אויסמיידען צו רעדען וועגען זיך.

300 פידזשעס

וועלט בערימטע

אפעראס

300 פידזשעס

„מאזארט“
„בעטהאווען“
„וואגנער“
„ווערדי“
„מייערבער“
„האלעווי“
„גונא“
„גאלדמארק“
„ראסיני“
„בעליני“
„דאניצעטי“
„פוטשיני“
„מאסקאני“
„לעאנקאוואלא“
„מאסענעט“
„שטראוס“
„ביזע“
„דאן וואן“
„פידעליא“
„מאנהיימער“
„לאהענגרין“
„פארסיפאל“

געשריבען און ערקלערט אין פיין אידיש

— פון —

וויליאם עדלין.

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען טעקסט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אפעראס. סיי דער וואס געהט אין אפערא און סיי דער וואס האט ליעב לעזען ווענען דיא פראכטפאלע טעקסטען פון דיא גרעסטע אפעראס קען אין דיזען בוך געפינען איטעלעס וואס פערשאפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שענסטע קונסט.

און זעהט וואס פאר א וועלט פון גענוס עס איז דא פאר אלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען ביי יעדען וואס האט ליעב צו לעזען די בעסטע ראמאנען, דראמען און פאעזיע.

„טריסטאן און איזאלדע“
„אאידא“
„ריגאלעטא“
„טרובאדור“
„טראוויאטא“
„חתנאמעך“
„פראפעט“
„דיא יודין“
„פאוסט“
„מלכה שבא“
„בארבער פון סעוויל“
„פוריטאני“
„לוציא“
„לא באחעם“
„מאדעם באטערפליי“
„קאוואלעריא“
„פאליאטשי“
„נאווארעז“
„סאלאמע“
„קארמען“

פרייז 35 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען

Hebrew Publishing Co.,

85 Canal Street, New York, City.

דרייא נייע ביכער

יעצט עבען ערשיענען!

קין׳ס צואה.

פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט, אונד צייגט וויא ווייט דער מענש איז בלוט־דורשטיג אונד אז ער שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאַפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאנטע זאכען.

פרייז, 15 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

ניקאָלאַי דער ערשטער.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראָמאַן פון דעם פערגאנגענעם אונד נעגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאַנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פּאַרבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פּאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין צאַרענלאַנד.

פרייז, 10 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

פ א ו ס ט.

פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט־בעריהמטע דראמא אונד א וועלט־בעריהמטע אָפּערא איז בעאַרבייטעט אין איין ערצעהלונג פּאָרמע פון

א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאָך קיין מאָל געזעהען אויפגעפיהרט דיעזע וועלט־בעריהמטע דראמא אין איין טהעאטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס ביי זיך אין הויז.

פרייז, 10 סענט.—פּאָרטאָ פרייא.

נייע ביכער יעצט ערשיענען

דער

≡: סיטיזען :≡

נאכ'ן נייעם געזעץ

פון אלעקסאנדער הארקאווי.

אלע נייע געזעצע וועלכע ווינען אריין אין קראפט דעם 27טען סעפטעמבער 1906 מיט די פארמען פון די אפליקיישיאנס וואס עס דארף געמאכט ווערען אום צו ווערען אבירגער אין די יונייטעד סטייטס.

פרייז 5 סענט.

וואשעלע א ראמאן פון קליינשטעדטעלדיגען לעבען אין רוסלאנד, פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 25 סענט.

יאסעל'ע איין ערצעהלונג פון ישיבה בחור'שען לעבען אין דער ליטא פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 15 סענט.

ישראליק דער משוגענער א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען אויף יודען אין רוסלאנד, פרייז . . . 10 סענט.

שרעקליכע געהיימניסע א ראמאן וואס איז פול מיט מערקווירדיגע און איבער'אשענדע פאסירונגען אונד איז זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד פון שמ"ר פרייז . . . . 15 סענט.

דער פעדלער א ראמאן פון פעדלערשען לעבען אין אמעריקא פון שמ"ר, פרייז . . . . 15 סענט.

אין שטראם פון רעוואלוציאן א שילדערונג פון דער געגענווערטיגע רעוואלוציאנערע צייט אין רוסלאנד פון מרדכי דאנציס, פרייז 5 סענט.

צו בעקומען ביא אלע בוכהאנדלונגען, און ביא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.